בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

שנאמרה בסעודה שלישית בעידן רעוא דרעוא

## ס"ג משפטים שקלים תשט"ז

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י
**מערכת "לשון קדשו"**
מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 18** (מהדורא ב)

---

**לשמיעת הדברות קודש:**

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(**פון אייראפע 972-72-3333419+**)

צו הערן די תורה **ס"ג משפטים שקלים תשט"ו**

דרוקט: **#→15→6→2→6→1** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(34 מינוט) **קלאָר**

---

קונטרס זו כבר יצא לאור בשנה העברה, ונתחדש אורה בשנה זו
ב"כמה מאות" הערות והגהות חדשות!

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת שקלים

א

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה׳ בִּפְקֹד אֹתָם.**

**קושיא א**

בגמרא דתרומם קרן ישראל בכי תשא: ויש להבין יהיה זה על ידי פרשת שקלים?

די גמרא זאָגט אין בבא בתרא (דף י:) כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ. **אמר רבי אבהו, אמר משה לפני הקב"ה במה תרומם קרן ישראל, אמר לו, בכִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ.**

א) ברויך מען פאַרשטיין, וויאַזוי וועט מען מיט דעם מרומם זיין דעם קרן ישראל, בכִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ?

ב

**קושיא ב**

במדרש תנחומא: כִּי תִשָּׂא אֶת "רֹאשׁ" זה ראובן. וצ"ב מה שייכות קירוב ראובן לפרשת שקלים?

ב) דער מדרש זאָגט אין **מדרש תנחומא** (תשא ז), כִּי תִשָּׂא אֶת "רֹאשׁ", רָמַז לו שהוא עתיד לקרב "ראשון" של שבטים [לשכינה, ואיזהו] זה שבט ראובן, שנאמר (ברכה לג, ו) יְחִי רְאוּבֵן וְאַל יָמֹת [וצ"ב].

ג

**קושיא ג**

במדרש: דבפרשת שקלים אמר משה שמא לא יהא נזכר, והשיב הקב"ה אתה עומד וזוקף את ראשון:
וצ"ב למה דוקא בפרשה זו חשש משה כך? ותשובת הקב"ה דדוקא כאן יהא עומד וזוקף את ראשן?

נאָך איז דאָ אין **מדרש** (תנחומא תשא ג), אַז משה רבינו האָט געזאָגט, כשהגיע לפרשת שקלים, אמר משה רבינו, [רבונו של עולם] שמא משאני מת אין אני נזכר, אמר לו הקב"ה, חייך [כשם שאתה עומד עכשיו ונותן להם פרשת שקלים ואתה זוקף את ראשן כך] בכל שנה שישראל קוראין פרשת שקלים אתה עומד וזוקף את ראשן, [מנין ממה שקראו בענין] שנאמר כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ, שָׂא לא נאמר אלא תִשָּׂא, אויף שפּעטער. - אייביג ווען אידן וועלן ליינען פרשת שקלים, אתה עומד וזוקף את ראשן. אַזוי שטייט אין מדרש.

ג) [וצ"ב] פאַרוואָס פונקט ביי פרשת שקלים האָט ער געקלערט משאני מת אין אני נזכר? און [פאַרוואָס] דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט, ניין, אתה עומד וזוקף את ראשן?

ד

**[קושיא ד - מתוך הדרוש]**

יש להבין ענין קריאת "פרשת שקלים" בזמן הזה, כשאין ביהמ"ק קיים ואין מביאין השקלים

ד) [גם עצם הענין מה שאנו קוראין "פרשת שקלים" בזמן הזה, במקום השמעת השקלים באחד באדר, הוא דבר הצריך ביאור. דהלא בזמן שאין ביהמ"ק קיים אין כאן הבאת שקלים בפועל לתרומה חדשה. והלא עיקר הקריאה הוא רק לצורך השקלים להבאת קרבנות לכפרה, ויש להבין מה מקום לקריאה זו בזמן הזה]. (הקושיא בלשון רבינו באות כא)

KolSatmar.com

ה

**[זֶה יִתְּנוּ] כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים [מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ].**

קושיא ה

למה תלה מצות נתינת שקלים, באלו שעברו את הים סוף?

ה) דער **תרגום יונתן זאָגט**[א], כָּל דְעָבַר בְּיַמָא יתן, [וזה שכתוב] כָּל ״הָעֹבֵר״ עַל הַפְּקֻדִים. [וצ״ב שייכות המצוה דייקא לעוברי הים סוף].

ו

[**קושיא ו** - מתוך הדרוש]

ו) [אמרו חז״ל (שקלים ו.) שנתקשה משה במחצית השקל, הוציא הקב״ה כמין מטבע של אש מתחת כסא כבודו והראהו למשה ואמר לו זֶה יִתְּנוּ, כזה יתנו. וצ״ב במה נתקשה משה, הלא כל איש יוכל לידע ולהבין החשבון, ובפרט בימיהם שהיו השקלים מצויים]. (הקושיא בלשון רבינו באות מד)

ז

[**קושיא ז** - מתוך הדרוש]

ז) [ועוד קשה למה היו צריכים להראות מטבע של ״אש״, הלא יכלו להראות מטבע טבעי מעולם הזה]. (הקושיא בלשון רבינו באות מה)

ח

בגמרא מגילה <u>דף יג</u>: דמה שמשמיעין על השקלים באחד באדר - הוא <u>כדי להקדים שקלי ישראל לשקלי המן</u>

**די גמרא זאָגט אין מגילה (דף יג:), אמר ריש לקיש, גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל לפיכך הקדים שקליהן לשקליו, והיינו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים.**

ט

קושיא ח

צ״ב <u>דבדף כט</u>: הטעם שמשמיעין על השקלים באחד באדר - <u>כדי להקריב בניסן מתרומה חדשה</u>

ח) לכאורה ברויך מען דאָך צו פאַרשטיין. דאָס וואָס ס׳איז באחד באדר משמיעין על השקלים, שטייט דאָך אין די גמרא אַ [אַנדערע] טעם, אין סוף מגילה (דף כט:), **פאַרוואָס באחד באדר משמיעין על השקלים**[ב].

וייל באחד בניסן שטייט [עלַת] חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ[ג] [לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, אמרה תורה] חַדֵּשׁ וְהָבֵא [קרבן] מתרומה חדשה.

דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די לשכות[ד], האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען.

ביז היצט, דעמאָלטס ביז ראש חודש ניסן, האָט מען מקריב געווען די תמידין די קרבנות פון די אַלטע תרומה, תרומה ישנה, פון ניסן אָן האָט מען אָנגעהויבן מקריב צו זיין פון די תרומה חדשה, האָט מען גענומען פון די לשכות.

---

[א] גירסא זו הובא בישמח משה בכמה מקומות, והם דברי רבי נחמיה בירושלמי שקלים פ״א ה״ג.

[ב] **ברמב״ם** (שקלים א, ט. ומקורו בגמרא ומשניות): <u>באחד באדר</u> משמיעין על השקלים [שבית דין שולחים לכל ערי ישראל להכריז שיביאו שקליהם] כדי שיכין כל אחד ואחד מחצית השקל שלו, ויהיה עתיד ליתן, <u>בחמשה עשר</u> בו ישבו השולחנים [בעלי מטבעות המחליפים שקלי כסף בפרוטות] בכל ״מדינה ומדינה״ ותובעין בנחת, כל מי שיתן להם יקבלו ממנו, ומי שלא נתן אין כופין אותו ליתן. <u>בחמשה ועשרים</u> בו ישבו ״במקדש״ לגבות, ומכאן ואילך כופין את מי שלא נתן עד שיתן, וכל מי שלא יתן ממשכנין אותו ולוקחין עבוטו בעל כרחו ואפילו כסותו.

[ג] **פירש״י.** חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, כל הני ׳חדשים׳ למה לי. אלא אמרה תורה, יש לך חודש שאתה צריך לְחַדְּשׁוֹ בהבאת עולות תמידין ומוספין מתרומה חדשה, וזהו ניסן, כדאמרינן בראש השנה דגמרינן שנה שנה מניסן, דכתיב רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

[ד] **בירושלמי** (שקלים פ״א ה״א): מאימתי תורמין תרומת הלשכה, מאחד בניסן.

KolSatmar.com

לשיטת התנא קמא שואלין ודורשין "שלשים יום" ולכן מתחילין מאחד באדר

באחד באדר, זאָגט די גמרא פאַרוואָס?

זאָגט די גמרא, ווייל אַזוי ווי "שלשים יום" קודם הפסח שואלין ודורשין בהלכות פסח, [כמו כן קודם ראש חודש ניסן] שואלין ודורשין ל׳ יום.

לשיטת רשב״ג ששואלין רק "שתי שבתות", היו צריכים להכריז בט״ו אדר

זאָגט די גמרא, לויט רבן שמעון בן גמליאל וואָס ער זאָגט שתי שבתות [קודם לפסח], וואָס דען איז געווען באחד באדר, משמיעין על השקלים?

ומשני בגמרא, שמכריזין שני שבתות קודם התחלת "השולחנות"

זאָגט די גמרא, ווייל פון ט״ו בו זענען געשטאַנען די שולחנות[ה], מ׳האָט געברענגט [בנדבה תחלה, ואחר כך] מ׳האָט כופה געווען.

מ׳האָט שוין גענומען [בנדבה] פון ט״ו בו, מיט פופצן טאָג פריער, איבערדעם זענען געווען די שתי שבתות לויט רבן שמעון בן גמליאל.

[עכ״פ קשה דלפי זה] האָט דאָך דאָס אַ טעם, פאַרוואָס מ׳האָט מכריזין געווען על השקלים באחד באדר, [ווייל] אַזוי איז דער חשבון, [ולמה אמר ריש לקיש טעם אחר, כדי להקדים שקליהם לשקליו, וכדמשמע ממה שאמר "והיינו דתנן" דזהו טעם המשנה].

י

עוד טעם שמכריזים ל׳ יום - דזהו זמן בית דין למי שאין לו שקלים שישתדל להשיג

אַ טייל מפרשים זאָגן (תפארת ישראל שקלים פ״א מ״א), ס׳איז געווען אַ בחינה פון אַ "זמן בית דין", מ׳גיט שלשים יום (ב״מ קיח.), מ׳זאָל זיך זוכן, אַז טאָמער איינער האָט נישט, האָט מען אויסגערופן שלשים יום.

יא

המשך קושיא ח

על כל פנים האָט דאָך דאָס געהאַט אַ טעם פאַרוואָס מ׳האָט אויסגערופן על השקלים [באחד באדר כמבואר בדף כט:, ולמה אמרו בדף יג: טעם אחר]?

יב

## מחלוקת הגמרא איזה פרשה קורין בשבת שקלים

לרב קוראין פרשת "את קרבני לחמי לאשי" - ולשמואל פרשת "כי תשא", ולכו״ע הוא משום כפרת הקרבנות

אין די גמרא (מגילה כט:) איז דאָ אַ פלוגתא, ס׳איז דאָ צוויי מאן דאומרים.

איינער זאָגט גאָר אַז פרשת שקלים ליינט מען [פרשת התמיד בפרשת פנחס] קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי. ווייל ס׳איז דאָך אינגאַנצן [מענין] קרבנות [של ציבור].

און איין מאן דאמר זאָגט, אַז "שקלים" [פרשת כי תשא] ליינט מען, ווייל דאָרט איז אויך מרומז די קרבנות.

אָבער על כל פנים באחד באדר איז געווען משמיעין על השקלים, האָט דאָך מער פלאַץ די [פרשת] שקלים אַליין, נאָר אָבער ווייל ס׳באַציהט זיך [נתינת השקלים] אויף די קרבנות, לכאורה ברויך מען ליינען אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי.

די גמרא (דף כט.) פרעגט טאַקע וויאַזוי איז עס מרומז [די קרבנות] אין [פרשת] שקלים.

נאָר ווייל ס׳שטייט דריי מאָל תְּרוּמָה, מ׳האָט גענומען דריי מאָל.

---

[ה] פירש״י שם, בעלי מטבעות, המחלפין שקלי כסף בפרוטות וכו׳, דמאותו היום מתחילין לְמַשְׁכֵּן את המעכבים. ומשום שולחנות קדמינן לאחד באדר, דהיינו שתי שבתות.

KolSatmar.com

א. איין מאָל האָט מען גענומען [מחצית השקל לנדבת המשכן] דאָס איז געווען אויף די אֲדָנִים, די שקלים פון כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

ב. און דאָרטן [בפרשת תרומה] וואָס מ׳האָט גענומען יעדן נדבת לבבו.

ג. און ווידעראום האָט מען גענומען [כמו בכל שנה] אויף די תרומה חדשה אין די לשכות אַריין [לקנות מהן קרבנות ציבור לכל השנה, דכתיב לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵיכֶם (רש״י שם)].

יהיה איך שיהיה האָט דאָך דאָס אַ טעם די שקלים [מה שמשמיעין באחד באדר].

**יג**

עצם ״הנתינה״ של מחצית השקל הוא מצות עשה דאורייתא. וזה שמשמיעין הוא רק תקנת חכמים

דער אמת, די שקלים אַליין דאָס נעמען איז אַ מצות עשה דאורייתא פון די מנין המצות, וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה׳, דער מחצית השקל איז פון מנין המצות.

דער רמב״ן פלאָגט זיך גאָר, פאַרוואָס מ׳רעכנט נישט דעם הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט אויך פון די מנין המצות.

אָבער על כל פנים [נתינת] מחצית השקל איז פון די מנין המצות.

און דער ״משמיעין על השקלים״ זעט אויס, ס׳איז נאָר געווען אַ תקנת חכמים.

**יד**

**סיום קושיא ח**

צ״ב למה נותן הגמרא הטעם ״הקדים שקליהן לשקליו״, הלא הוא תקנת חכמים משום תרומה חדשה

אָבער על כל פנים האָט דאָס דעם טעם [מה שמשמיעין באחד באדר], דאָס איז וועגן די תרומה חדשה, דאָס איז וועגן די שקלים.

און דאָ זאָגט גאָר די גמרא ״הקדים שקליהן לשקליו, והיינו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים״.

[וגם לרשב״ג] ס׳האָט דאָך אַ טעם וועגן די שולחנות? אַזוי זאָגט דאָך די גמרא (כט:) אַז דאָס איז דער פשט.

**טו**

והגם שיש לתרץ, שיש כמה טעמים. אבל מהלשון ״והיינו דתנן״ משמע שזהו עיקר הטעם

הגם אין דברי חכמינו ז״ל שטעקט דאָך אין אַלעמען נאָך אָן אַ שיעור [טעמים].

[אמנם צ״ב וואָס] זאָגט ער דעם הקדים שקליהן לשקליו, דעם ״והיינו דתנן״ וכו׳.

**טז**

**קושיא ט**

צ״ב על איזה זמן קאי מה שאמרו חז״ל ״הקדים שקליהן לשקליו״, דבכל זמן המקדש הראשון היה הקדמה לשקלי המן אפילו בניסן, ובזמן המן לא הביאו שקלים בכלל?

ח) לכאורה ברויך מען צו פאַרשטיין [גם עצם המימרא דריש לקיש].

[שאמר] ״הקדים שקליהן לשקליו״, פאַרוואָס, ווייל י״ד באדר איז דאָך געווען די גזירה פון המן׳ן, האָט מען געזאָגט ״באחד באדר״ [משמיעין על השקלים] האָט מען מקדים געווען.

וצ״ב, דהלא כל השנים שבזמן בית ראשון היו קודם גזירת המן, ואפילו אם הביאו השקלים בר״ח ניסן

לכאורה דאַרף מען צו פאַרשטיין, ווען איז דאָס געווען דער ״הקדים״ שקליהן לשקליו.

בזמן שבית המקדש קיים איז דאָך נאָכנישט געווען המן, ביים בית ראשון איז דאָך נאָכנישט געווען די גאַנצע זאַך, האָט מען דאָך נישט געדאַרפט מקדים זיין אין אדר, ווען מ׳האָט געברענגט די שקלים [בבית ראשון, ואם תאמר] אַז דאָס האָט גענוצט

KolSatmar.com

[להנצל מגזירת המן] אויף שפעטער, האָט דאָך עס גענוצט אפילו ווען מ׳העט עס געווען געברענגט אום ראש חודש ניסן, איז דאָך אויך געווען פריער [מגזירת המן].
ובאותו שנה של גזירת המן, לא הביאו שקלים בכלל שלא היה בהמ״ק קיים, ומה הפירוש הקדימו?

[נמצא דכשאומר] ״פריער״, איז דאָך עס נאָר געווען, אין דעם איינעם יאָר, ווען די מעשה איז געווען פון המן׳ן.

[אָבער] דעמאָלטס ווידעראום, איז דאָך נישט געווען קיין שקלים. ס׳איז נישט געווען בית המקדש קיים, איז נישט געווען קיין תרומה, דעמאָלטס זענען די אַלע זאַכן נישט געווען.

יז

# דברי התעוררות

## בקישור סיום ימי השובבי״ם והתחלת ימי השמחה

לאָמיר זען, ווייס מיר דאָך אַז די וואָכן [שעברו] זענען געווען די ימי השובבי״ם, די זעקס וואָכן פון שמות, ביז משפטים ווען אידן האָבן געזאָגט נעשה ונשמע, אין אַ שנה פשוטה איז ׳דאָס׳ די ימי השובבי״ם וואָס זענען מסוגל אויף דעם תיקון.

היינט האָב מיר געהאַט דעם לעצטן טאָג פון די ימי השובבי״ם, היצט גיי מיר אַרויס פון די ימי השובבי״ם.

היצט גרעניצן זיך די ימי השובבי״ם מיט די ימי שמחה, מ׳איז מברכין ראש חודש אדר, משמיעין על השקלים, מ׳קום מיר אַרויס [מימי השובבי״ם] און ס׳גרעניצט זיך מיט די טעג, קומט מען אַרויס [משובבי״ם להכנס] אין די טעג פון ימי השמחה.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ׳זאָל די זכיה האָבן צו פאַררעכטן, מ׳זאָל מיר זוכה זיין מ׳זאָל מיר אַריינגיין אין די ימי שמחה.

השי״ת יְשַׂמַּח לבבות בני ישראל.

יח

משנכנס אדר, מרבין בעבודת השי״ת, ע״י כוחות השמחה

ווי זיי טייטשן[ו] **משנכנס אדר, מרבין**, אדר קאָן מען מער טאָן, **בשמחה**, מיט שמחה, מיט די כוחות השמחה[ז]. אידן זאָלן זיך מְשַׂמֵּחַ זיין מיט׳ן בורא כל עולמים מיט נחת.

---

[ו] מובא בספה״ק בשם הרה״ק החוזה מלובלין זי״ע.

[ז] זה לשון קדשו של רבינו (ס״ג משפטים שקלים תשי״ח, לשון קדשו אות יב): דאָס איז אַ רעכטער חודש ״השמחה״, מ׳האָט מקבל געווען די תורה הקדושה בשמחה, נישט בכפיה, וואָס ס׳איז ״מרצון טוב״ דאָס איז ״בשמחה״, איבערדעם דאָס איז דער חודש אדר.

איבערדעם [יש לפרש] **משנכנס אדר איז מרבין בשמחה** (תענית כט.), אַ איד ברויך צו זיין [בשמחה], וואָס איז דער ״מרבין״? ס׳דאַרף טאַקע צו זיין שמחה [אבל צריך ביאור הלשון מרבין]. נאָר יעדער איד איז דאָך ׳מוסיף והולך׳, אַ איד ברויך דאָך וואָס אַמאָל מער מוסיף זיין אין תורה אין קדושה, נאָר אַז ס׳איז אויף דער בחינה וואָס ס׳איז געווען על ידי כפיה, יעדע זאַך וואָס ס׳קומט אָן שווער, גענייט, דאָס קומט דאָך בְּעֶצֶב וְדַאֲגָה, דאָס וואָס מ׳איז מקבל ברצון מ׳האָט חיות פון עֲבְדוּת ה׳ ברוך הוא איז מיט שמחה.

איבערדעם משנכנס אדר ״מרבין״ דאָס וואָס מ׳איז מוסיף והולך, וואָס מ׳איז מרבה תורה וביראה ובחכמה איז אַלעס מיט ׳שמחה׳. דער ״מרבין״ גייט נישט אַרויף דוקא אויף די ״שמחה״, מרבין גייט אַרויף וואָס אַ איד [טוט], דאָס איז דאָך די ׳עבודה׳ פון אַ איד, מ׳זאָל נישט חלילה פאַלן צוריק, אַ מענטש איז דאָך אַ ׳הולך׳ נישט קיין ׳עומד׳, אויף איין פלאַץ שטייט מען נישט, אָדער מ׳גייט העכער, אַז נישט חלילה פאַרקערט, אַז נישט פאַלט מען חלילה. איבערדעם דער מרבין, וואָס מ׳גייט אַמאָל העכער [בעבודת ה׳] ברויך צו זיין מיט שמחה, אַזוי איז מען ׳אַלעס׳ מרבה מיט שמחה.

KolSatmar.com

### יט

החיזוק לבני ישראל בתוקף הגלות, בא מאמונה ביעודי הנביאים

**ס׳שטייט אין זוהר הקדוש אַז ווען אידן זענען בגולה, אין תוקף הגלות, העט מען עס נישט אויסגעהאַלטן[ח]. מ׳האָט זיך נישט מיט וואָס מְחַזֵּק צו זיין.**

**נאָר וואָס דען, מ׳קומט אין בית המדרש און מ׳זעט אין די תורה הקדושה, די נחמות וואָס איז עתיד צו קומען אויף אידן, אידן זעען אַז מ׳וועט אַרויסקומען, אידן גלייבן, מ׳זעט אין די תורה הקדושה אַז אידן וועלן געהאָלפן ווערן.**

**די אַלע נֶחָמוֹת, דאָס גיט חיזוק הלב, דאָס גיט שטאַרקייט אין האַרץ, פון דעם דערהאַלט מען זיך. – אַזוי שטייט דאָך אין זוהר הקדוש.**

### כ

**איבערדעם ווען מ׳קומט אַריין** [בימי השמחה שמתחזקין בתקות הגאולה]**.**

**מ׳געזעגן מיר זיך פון די ימי השובבי״ם וואָס זיי גייען דורך, וויאַזוי ס׳האָט שוין אויסגעזעהן.**

**מ׳זאָל די זכיה האָבן, מ׳זאָל קענען ווייטער מתקן זיין.**

### כא

# ביאורים בפרשת שקלים

## טעם קריאת פרשת שקלים בזמן הזה

**לאָמיר׳זשע זען, קען זיין** [לבאר ענין קריאת פרשת שקלים]**.**

[קושיא ד]

*למה אנו קוראים פרשת שקלים, הלא כשאין ביהמ״ק קיים לא מקריבים קרבנות ולא מביאים שקליהם?*

**לעולם בחורבנה איז דאָך נישטאָ קיין תרומה, איז נישטאָ קיין שקלים, ס׳איז נישטאָ קיין בית המקדש.**

**ס׳איז דאָך געווען ווענן די קרבנות, לויט איין מאן דאמר ברויך מען דאָך גאָר ליינען די קרבנות** [בפרשת פנחס]**. און דער מאן דאמר אַז מ׳ליינט די שקלים איז דאָך אויך ווי כ׳האָב פריער געזאָגט, איז דאָך נאָר דער תירוץ, ווייל דאָרט איז אויך מרומז די קרבנות, ווייל איין חלק שקלים איז געגאַנגען אויף די קרבנות, גייט דאָך עס אינגאַנצן אויף קרבנות.**

**נו אַז מ׳קען נישט מקריב זיין קיין קרבן, בחורבנה, ווען ס׳איז נישטאָ קיין מזבח, לכאורה איז דאָך דאָס גאָרנישט אויפ׳ן פּלאַץ,** [וא״כ למה אנו קוראים פרשת שקלים בזמן הזה]**?**

### כב

**ביאור קושיא ד - לפי פשטות**

בדרך פשטות: יש לומר שעושים ״זכר״ שיתקבל שיח שפתותינו

**נאָר וואָס דען, מ׳קאָן זאָגן** [לפי פשטות אַז] **מ׳מאַכט אַ זֵכֶר, אַזוי ווי מ׳זאָגט** (בפייט למוסף) **וּבְצֶדֶק ״הֶגֶה״ עֱרֹךְ כִּי תִשָּׂא, מ׳זאָל אָננעמען דעם דיבור.**

---

[ח] **בזוהר הקדוש** (כי תשא קפח:)**.** זַמִּין קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְמֶעְבַּד לְיִשְׂרָאֵל, כָּל אִינּוּן טַבְאָן, דְּקָאָמַר עַל יְדֵי נְבִיאֵי קְשׁוֹט, וְיִשְׂרָאֵל סָבְלוּ עֲלֵיהוֹן, כַּמָּה בִּישִׁין בְּגָלוּתְהוֹן. וְאִלְמָלֵא כָּל אִינּוּן טַבְאָן דְּקָא מְחַכָּאן וְחָמָאן כְּתִיבִין בְּאוֹרַיְיתָא, לָא הֲווֹ יַכְלִין לְמֵיקָם וּלְמִסְבַּל גָּלוּתָא. אֲבָל אַזְלִין לְבֵי מִדְרָשׁוֹת, פָּתְחִין סִפְרִין, וְחָמָאן כָּל אִינּוּן טָבָאן, דְּקָא מְחַכָּן, וְחָמָאן כְּתִיבִין בְּאוֹרַיְיתָא, דְּאַבְטַח לוֹן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֲלַיְיהוּ, וּמִתְנַחֲמִין בְּגָלוּתְהוֹן.

כג

ביאור קושיא ד

אבל י״ל שאינו רק "זֵכֶר" למקדש, כי באם הגאולה יהיה בניסן אז החיוב הוא מעיקר הדין "דמהרה יבנה ביהמ"ק"

נאָר אָבער, ס׳קען אָבער זיין, אַז ס׳איז טאַקע [קריאת הפרשה] פון עיקר המצוה, נישט נאָר בלויז אַ זֵכֶר.

ווייל אידן האָפן דאָך אויף די ישועה, אידן האָפן דאָך אויף דער גאולה בכל יום ויום, אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבוֹא.

און אַז דער בורא עולם וועט העלפן, דעם ניסן וועט ס׳וועט שוין זיין די גאולה [אז יצטרכו להביא שקלים לתרומה חדשה, ולכן משמיעין למפרע בחודש אדר (וכדלהלן באורך)].

כד

## גאולה העתידה יהיה פתאום - וצריך להיות מוכן בכל עת

דאָס קאָן מען דאָך נישט וויסן קיינמאָל ווען [ניסן] דאָס קאָן זיין.

דער פסוק (מלאכי ג, א) זאָגט אַזוי: פִּתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים. דער פסוק איז מתנבא אַז דאָס וועט זיין אַ פלוצלינגע זאַך.

מ׳דאַרף כסדר ברויך זיך אַ איד מתקן מעשיו צו זיין, מ׳קען קיינמאָל נישט וויסן דעם טאָג, קיינער ווייסט דאָך נישט דאָס השתלשלות העולמות, וואָס דאָרט טוט זיך, וויאַזוי ס׳גייט.

[אַז] דער פסוק זאָגט אַזוי [שיהיה פתאום, אפילו] בימים הראשונים [תיכף אחר החורבן], איבערהויפּט נאָך אַז ס׳האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגן, דאָס געוואַלדיגע אריכות הגלות וואָס ס׳גייט פאָר, וואָס ס׳ברויך מתוקן צו ווערן [בודאי אי אפשר לידע מתי יהיה ופתאום יבא].

אַזוי שטייט אין מצרים אויכעט, ס׳שטייט (תנחומא בא ט, הובא ברש״י בא יב, מא) אַז אין מצרים די רגע פון די גאולה האָט מען נישט אויפגעהאַלטן ווען ס׳איז געווען דער זמן, דאָס קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן.

איבערדעם איז פִּתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ, דאָס קאָן פלוצים זיין. [המשך הביאור באות כט]

כה

# דברי התעוררות מפרשת השבוע (משפטים)

## להיות מוכן לצאת מהגלות בלא לִכְלוּךְ עָוֹן

באור החיים הקדוש: לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, מרמז על יציאה מגלות האחרון, שהוא גבוה מיציאת גלות מצרים

ס׳שטייט אין **אור החיים הקדוש** [בפרשתן, לפרש הפסוק]: וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ אֶת בִּתּוֹ לְאָמָה לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים.

וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ אֶת בִּתּוֹ. אִישׁ מיינט מען הקב״ה שנאמר (שמות טו, ג) ה׳ אִישׁ מִלְחָמָה. בִּתּוֹ ווערט אָנגערופן כנסת ישראל, לא זָז מחבבן עד שקראן בתו (שהש״ר ג). בִּתּוֹ לְאָמָה, דאָס מיינט מען דעם גלות האחרון, וואָס מ׳איז משועבד צו יעדן, אונטער אַלע ע׳ אומות. - דעמאָלטס איז מען נאָר געווען אין מצרים.

זאָגט ער, די גאולה [מהגלות] וואָס מ׳איז נמכר געוואָרן לְאָמָה[ט]. לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, נישט אַזוי ווי אין מצרים, אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים,

---

[ט] באור החיים הקדוש מבאר, כי אָמָה מראה על יותר שפלות, כי משעובדים לכל האומות, משא״כ בגליות אחרים היו בבחינת "עבד" שהוא רק לאומה אחת

KolSatmar.com

מ׳איז אַרויסגעגאַנגען מִבֵּית עֲבָדִים (שמות כ, ב). דאָס ווערט אָנגערופן יציאת מצרים "צֵאת הָעֲבָדִים".

זאָגט ער, די גאולה וועט נישט זיין אַזוי ווי דעמאָלטס, נאָר מיט פלאי פלאות נישט קיין דמיון, אויף אַ גרעסערע בחינה, ווייל מ׳גייט אַרויס פון אַלע אומות, נישט נאָר מִמִּצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים, מ׳וועט פריי ווערן אויפאַמאָל פון אַלע שבעים אומות, און פון די ערב רב[י], פון אַלעמען.

איבערדעם זאָגט ער דאָס איז "לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים". דאָס איז אַ העכערע גאולה, נישט אויף דער בחינה.

אַזוי שטייט אין אור החיים הקדוש, אַז דאָס איז אַ העכערע בחינה.

**כו**

בזוהר הקדוש: לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, לָא תֵּפּוֹק מִתְטַנְּפָא בְּחוֹבִין

אין **זוהר הקדוש** (דף צו:) **שטייט דאָך אויך** [לרמז בפסוקים אלו על יציאת הגלות], **ער זאָגט גאָר אַן אַנדערע בחינה**[יא].

לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, מ׳זאָל נישט אַרויסגיין מְלֻכְלָךְ בְּחוֹבִין, אַזוי ווי אַן עבד.

נישט חלילה [שֶׁיֵּצְאוּ מֻכִּים] בְּשֵׁן וְעַיִן, אַזוי ווי אַן עבד. [נאָר] מ׳זאָל אַרויסגיין בשמחה ובנחת, "שְׁלֵמִים וּבְרִיאִים". מיט גאַנצע הערצער, בשמחת הלב.

אַז דער בורא עולם זאָל משמח זיין לבבות בני ישראל.

אַז מ׳זאָל די זכיה האָבן, מ׳זאָל מתקן זיין וואָס מ׳האָט פוגם געווען.

**כז**

ומוסיף רבינו: דמִתְטַנְּפָא בְּחוֹבִין מרמז על החטא הידוע. ומפרש לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, הפרוצים בזנות

איבערהויפּט אין דעם חטא [הידוע, יתקנו מה שפגמו], וואָס דאָס איז מעכב די גאולה, דאָס איז דער גרעסטער "לִכְלוּךְ" אויפ׳ן מענטש [ועל זה רמוז דברי הזוה״ק שלא יצאו "מלוכלך" בעון].

איבערדעם איז לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים. [וואָס] עבדים זענען פרוצים בזנות[יב].

זאָגט ער [בהפסוק ברמז, ס׳זאָל] נישט [זיין היציאה] אויף דער בחינה [של עבדים] לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים. אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש [לרמז בהפסוק].

איבערדעם די אַלע בחינות זענען אמת.

**כח**

המשך ביאור קריאת שקלים בזמן הזה (קושיא ד)

מאחר שהגאולה יכול להיות בכל רגע, מחויבין לעולם להשמיע על השקלים באחד באדר

על כל פנים לאָמיר זען. איז דאָך [הגאולה] מוכן ומזומן, דאָס קאָן זיין פלוצים.

איבערדעם אַז דער בורא עולם וועט העלפן אין ניסן, אַז מ׳וועט קומען [משיח צדקנו]. אַז ס׳וועט זיין די גאולה שלימה אין ניסן, וועט דאָך האָבן געפעלט דער "באחד באדר משמיעין על השקלים", וועט מען דאָך האָבן פאַרפעלט די מצוה,

---

[י] שזה גם כן לא היה ביציאת מצרים, כי אז אדרבה יצאו הערב רב עם ישראל.

[יא] בזוהר הק׳ (דף צו.). וְכִי יִמְכֹּר אִישׁ, דָּא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. אֶת בִּתּוֹ, דָּא נִשְׁמְתָא קַדִּישָׁא. לְאָמָה, לְמֶהֱוֵי אָמָה מִשְׁתַּעְבְּדָא בֵּינַיְיכוּ בְּהַאי עָלְמָא. בְּמָטוּ מִנַּיְיכוּ, בְּשַׁעֲתָא דְּמָטֵי זִמְנָא לְנָפְקָא מֵהַאי עָלְמָא, לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים, לָא תֵּפּוֹק מִתְטַנְּפָא בְּחוֹבִין, תֵּפּוֹק בַּת חוֹרִין, בְּרִירָה נְקִיָּה, בְּגִין דְּיֶחֱדֵי בָּהּ מָארָהּ וְיִשְׁתַּבַּח בָּהּ, וְיָהִיב לָהּ אֲגַר טָב בְּצִחְצוּחֵי דְּגִנְתָּא דְּעֵדֶן.

[יב] עי׳ גיטין (דף יג.) עבדא בהפקירא ניחא ליה וכו׳.

KolSatmar.com

מ׳וועט זיך דערזען אין ניסן און מ׳וועט זיך דערזען מיט דער גאולה, וועט מען נישט קאָנען צוריק גיין צו אדר מקיים צו זיין ״די מצוה״. וואָס די משנה זאָגט ״באחד באדר משמיעין על השקלים״.

איבערדעם מוז מען דאָס אַלעמאָל מקיים זיין [על ידי קריאת פרשת שקלים].

כט

## החילוק בין ״מהרה יבנה בית המקדש״ ל״זֵכֶר״

״מהרה יבנה בית המקדש״, היינו שעושין הכנה ממש לשמא יבנה בית המקדש

די גמרא זאָגט אַסאַך מאָל ״מהרה יבנה בית המקדש״, [שעבור זה] האָט מען הכנות, מ׳איז נזהר אין די אַלע זאַכן, ווייל ס׳וועט זיין [מהרה] יבנה בית המקדש[יג]. איבערהויפּט ביי דעם[יד].

איבערדעם קומט אויס דאָס טוט מען טאַקע כדין, נישט נאָר פאַר אַ זֵכֶר.

״זֵכֶר״, היינו דבר שאי אפשר לקיימו בפועל כלל, רק עושין במקומו ״זֵכֶר״

מ׳טוט אַמאָל אַ זֵכֶר, [וואָס] היינט האָט עס נישט קיין פּלאַץ, [נאָר] מ׳מאַכט עס אַ זֵכֶר אויף דעמאָלטס.

אַזוי ווי ראש השנה תקיעת שופר, אַז ס׳געפאַלט אום שבת, איז זִכְרוֹן תְּרוּעָה (ר״ה כט:), אַז מ׳קען נישט בלאָזן ׳בפועל׳ זאָגט מען זִכְרוֹן תְּרוּעָה, מיט׳ן ׳דיבור׳ איז מען מקיים, אָבער ס׳האָט גאָרנישט קיין שום חשבון בפועל, גאָרנישט, נאָר בלויז אַ זֵכֶר מיט׳ן דיבור.

ל

א. יתכן שעוד יביאו שקלים בשנה זו בפועל ממש,
ואז נמצא דבקריאת ״פרשת שקלים״ קיימו למפרע את תקנת חכמים דמשמיעין על השקלים

אָבער היינט שקלים, קען מען נישט וויסן, צי ס׳איז בלויז אַ זֵכֶר.

קאָן זיין ס׳איז טאַקע ״בפועל ממש״. קאָן זיין מ׳וועט נאָך זוכה זיין [בשנה זו], מ׳וועט דערלעבן די גאולה, און מ׳וועט נאָך ברענגען די קרבנות [בניסן], ס׳קאָן זיין ס׳וועט נאָך זיין שולחנות יושבין [באדר].

מ׳וועל מיר נאָך די זכיה האָבן קאָן נאָך זיין, מ׳זאָל מקיים זיין די מצוה אַז מ׳זאָל ברענגען טאַקע די שקלים ממש, און האָבן אַ טייל אין די קרבנות.

השי״ת זאָל אונז נאָך מזכה זיין צו זען.

איז נאָך מעגליך אַז די הַכְרָזָה [של קריאת פרשת שקלים] זאָל זיין אַן אמת׳דיגע הכרזה, נישט נאָר אַ זֵכֶר, און למפרע וועט מען האָבן מקיים געוועזן דעם באחד באדר משמיעין על השקלים.

מ׳קאָן עס נישט מחליט זיין פאַר אַ ׳זֵכֶר בעלמא׳.

נאָר וואָס דען, דאָ גייט עס טאַקע מיט דער כוונה, אַז מ׳האָפט נאָך, ס׳איז נאָך מעגליך ס׳זאָל זיין בפועל, און מ׳דאַרף עס טאַקע נאָך מקיים זיין [״להביא״ השקלים]. איבערדעם ביז דערווייל איז עס אַ התחלה פון די מצוה.

---

[יג] בגמרא סוכה (מא.) דיום הנף כולו אסור, דבית המקדש יוכל להבנות בליל העומר, ויאמרו אשתקד מי לא אכלנו עומר בהאיר היום השתא נמי ניכול, עיי״ש. ובתענית (יז:) לרבנן אסור לְכֹהֵן לשתות יין כדי שיהא מוכן לעבודה. ובבכורות (נג:) בענין עשיית מום בבהמה דמהרה יבנה ביהמ״ק ולא ימצאו בהמה.

[יד] אצל השמעת שקלים, שיש צורך לזה מיד אם יבנה ביהמ״ק במהרה. ולא רק משום חשש וגזירה שמא יאמרו אשתקד מי לא וכו׳.

## לא
## כח "הדיבור" דקריאת פרשת שקלים נחשב "כמעשה"

ב. ויתכן שבכח "הדיבור" של קריאת "פרשת שקלים" יהא נחשב כתיקון הבאת "מחצית השקל"
[וזה יעורר להביא הגאולה ויצטרכו לשקלים בפועל (כדלקמן אות לד-לז)]

על כל פנים [בכל אופן], מיט'ן "דיבור" מיט די "מחשבה", מיט דעם קאָן מען מתקן זיין [מה שהמחצית השקל היה צריך לתקן].

מיט דעם אַליין [בהקריאה] קען מען דאָס מתקן זיין, איז דאָס טאַקע, דאָס אַליין איז דער תיקון (כדלקמן אות לד-לז).

## לב
### [קושיא י - והביאור]

צ"ב מה שהזכיר כאן הכינוי "לפני מי שאמר והיה העולם" דייקא.

מיט דעם קען זיין אפשר וואָס די גמרא זאָגט (בדף יג:) גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם [שעתיד המן לשקול שקלים].

[דלכאורה צ"ב] וואָס רופט ער אָן עפעס "מי שאמר והיה העולם" אויף הקב"ה. [והגם] ס'שטייט אַסאַך מאָל [לשון זה, ואכן] ס'דאַרף איבעראָל אַ טעם.

אַמאָל זאָגט ער סתם לפני "הקדוש ברוך הוא", און דאָ זאָגט ער "מי שאמר והיה העולם".

## לג

מי 'שאמר' והיה 'העולם': כי מה שדיבור נחשב כמעשה לומדים מהבריאת, שב'אמירת' הקב"ה נעשה 'עולם' מלא

נאָר מיט דעם [לדרכנו יש לפרש].

על כל פנים מ'זאָגט דעך דאָך דערווייל וּבְצֶדֶק "הֶגֶה" עֵרֶךְ כִּי תִשָּׂא. נאָר וואָס'זשע דען, אָבער בפועל אַזוי ווי מ'זעט פאַר די אויגן איז מען עס מקיים נאָר "בדיבור".

די גמרא זאָגט (שבת קיט:) מנין שהדיבור כמעשה שנאמר (תהלים לג, ו) בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ, פון בריאת עולם איז געדרינגען אַז דיבור איז כמעשה.

ממילא איבערדעם איז דער בְּצֶדֶק "הֶגֶה" עֵרֶךְ כִּי תִשָּׂא, מ'זאָגט נאָר מיט'ן דיבור [ונחשב כמעשה], דאָס איז געדרינגען פון בריאת העולם, איבערדעם איז גלוי וידוע לפני מי "שאמר" והיה "העולם", מיט'ן "דיבור" איז געוואָרן אַ "וועלט", איבערדעם איז הקדים שקליהן, ווייל מיט'ן דיבור פון שקלים האָט מען אַלעס פאַרראָכטן.

## לד
### ביאור קושיא ט

יש לומר שבכח קריאת פרשת שקלים באותו שנה, נצחו את הָמָן, ובא הגאולה של בנין בית שני

נאָר וואָס איז געווען אין דעם יאָר [של גזירת המן], קען טאַקע זיין, קען זיין אין הכי נמי, דאָס [קריאת השקלים דאותה שנה] האָט געברענגט דעמאָלטס די גאולה.

וואָרן לעולם איז דאָך טאַקע אַזוי [געווען דעמאָלטס], נאָך די מעשה פון דעם המן'ן, נאָך דעם תוקף הנס, אידן האָבן מקבל געווען [התורה] הדר קבלוה, קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ, הדר קבלוה בימי אחשורוש (שבת פח.), אַ יאָר דערויף איז דאָך געווען די גאולה.

באותה שנה היתה פקידה ע"י נביאי ה' לעלות לירושלים ולבנות בית המקדש השני

ס'איז טאַקע נישט געווען קיין גאַנצע גאולה, אָבער אַ פקידה [היה], מ'איז אַרויף קיין ירושלים, מ'האָט געבויעט אַ בית המקדש בעזר אלקי ובנבואה.

KolSatmar.com

די נבואה האָט געזאָגט דעמאָלטס אַז מ׳זאָל גיין. [כדכתיב, מִי בָכֶם מִכָּל עַמּוֹ וגו׳ וְיַעַל לִירוּשָׁלַם אֲשֶׁר בִּיהוּדָה וְיִבֶן אֶת בֵּית ה׳ (עזרא א, ג)].

זיי זענען מתנבאים געווען, אַזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק (עזרא ה, א), חגי זכריה, מלאכי.

און עזרא הסופר, ער איז געווען דער מנהיג ישראל, און אַלעס איז געווען על פי נבואה, זיי זענען אַרויף געגאַנגען און זיי האָבן געבויעט דאָס בית המקדש.

**לה**

זכות הבטחון והתקוה בקריאת שקלים שיגאלו ויביאו עוד שקלים בפועל, זה מביא הגאולה

**על כל פנים האָט דאָס געברענגט די גאולה, דער בטחון.**

טאַקע די שקלים האָבן געוויזן אויפ׳ן בטחון, דעמאָלטס האָט מען אינזין געהאַט אַז מ׳זאָגט די שקלים און קען נאָך זיין מ׳וועט נאָך זוכה זיין, מיט דעם איז מען זיך מחזק, אַז מ׳וועט נאָך זוכה זיין צום בנין בית המקדש, דאָס ברענגט אַן התחזקות אינעם גלות, דאָס התחזקות דאָס איז [ביי]געשטאַנען פאַר אידן, איבערדעם זענען זיי געהאָלפן געוואָרן זיי האָבן טאַקע זוכה געווען צו דער גאולה.

איבערדעם איז טאַקע רעכט, [מה שאמר ריש לקיש] הקדים הקב״ה שקליהן לשקליו, [דבאותו שנה של גזירת המן הקדימו פרשת שקלים לשקליו].

**לו**

**ביאור קושיא ח**

טעם שאמרו בדף כט: קאי על הזמן שביהמ״ק קיים,

וטעם ריש לקיש בדף יג: קאי על זמן חורבנה ובפרט על ימי מרדכי

איבערדעם "והיינו דתנן" באחד באדר משמיעין על השקלים.

ווייל לעולם די משנה איז דאָך געזאָגט געוואָרן שוין נאָכ׳ן חורבן, פאַרוואָס זאָגט מען דאָס היינט? טאַקע אמת בזמן שבית המקדש קיים איז עס געווען באחד באדר, אַזוי ווי די גמרא זאָגט וועגן די תרומה חדשה, אָבער ביים זמן החורבן, די "משנה" אין דאָך שוין געזאָגט געוואָרן פאַר אונז שוין נאָכ׳ן חורבן?

נאָר מיט דעם התחזקות, וואָס מ׳האָפט אַז מ׳וועט נאָך זוכה זיין צו די שולחנות, און צום בנין בית המקדש, מיט דעם בטחון קען מען ממשיך זיין די גאולה [וכנזכר לעיל (אות לה)].

אַזוי איז געווען דעמאָלטס זענען זיי ניצול געוואָרן פון המן׳ן, זענען זיי אויך ניצול געוואָרן מיט דעם כח, מיט דעם התחזקות פון די שקלים, פון דעם האָט מען געזען [בטחונם], וואָרן דאָס ווייזט דאָך אויף דעם אַז מ׳האָפט נאָך אַז ס׳וועט זיין, מיט דעם בטחון מיט דעם התחזקות זענען זיי ניצול געוואָרן, איבערדעם איז הקדים שקליהן לשקליו.

איבערדעם זענען די אַלע טעמים אמת.

דער טעם וואָס די גמרא זאָגט (בדף כט: בעבור התרומה החדשה) רעדט מען דאָך פונעם זמן הבית המקדש, דאָס איז געווען אויף בזמן שבית המקדש קיים.

אָבער אויף דעמאָלטס [בימי מרדכי] איז עס נאָר געווען אַ בטחון, האָט מען דאָס געדאַרפט מקדים זיין וועגן המן׳ן.

[און] איבערדעם זאָגט מען דאָס כסדר די אַלע יאָרן, ממילא ברויך מען עס זאָגן [תמיד, וכנ״ל בביאור קושיא ד].

KolSatmar.com

בזמן שבית המקדש קיים, ברויך עס טאַקע זיין וועגן דעם ווייל שואלין ודורשין, ווייל מ'ברויך טאַקע צו ברענגען, און בחורבנה ווידעראום איז עס אַן התחזקות ווידער, ווייל מ'האָפט מ'וועט ברענגען.

איבערדעם איזביידע אמת. [ואתי שפיר מה שאמר ריש לקיש] "והיינו דתנן".

דעם טעם וואָס די גמרא זאָגט [(דף כט:) מפני תרומה חדשה] איז גוט אויף בזמן שבית המקדש קיים.

און דעם וואָס די גמרא זאָגט דאָ (דף יג:) הקדים שקליהם לשקליו, דאָס איז גוט היינט בחורבנה, אַזוי ווי מ'זעט אַז מ'איז דעמאָלטס ניצול געוואָרן פון המן'ן [ונמצא ד"והיינו דתנן" היא עיקר הטעם באותו זמן, ולזה אמר "דתנן" דקאי על זמן "המשנה" שהוא בחורבנה].

**לז**

און אַזוי כסדר, מיט דעם כח פון די שקלים, אַז מ'נעמט זיך עס אַריין אין דעת אַריין, איז עס אַן התחזקות, אַן התעוררות, פאַר אַ בטחון שָׁלֵם אין דער גאולה.

ממילא קאָן מען מיט דעם געהאָלפן ווערן, אַזוי ווי מ'האָף מיר, אַז דער בורא כל עולמים וועט דעך דאָך רחמנות האָבן אויף אידן.

בעוונינו הרבים דאָס גרויס התרחקות, און די גרויסע הסתרה, אַזוי ווי מ'זעט מ'איז אַריינגעפאַלן אין די גרויסע ביטערע נסיונות, איבערהויפט אין דעם לעצטן דור, וואָס אַזוינס האָבן נאָך אידן נישט מיטגעמאַכט בעוונינו הרבים אַזאַ ביטערן מצב.

**לח**

## ביאור מדרש אַתָּה עוֹמֵד וְזוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן

### הקדמה לביאור קושיא ג

איבערדעם קען זיין כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. וואָס דער מדרש זאָגט [שמא משאני מת איני נזכר וכו'. ויש לפרש בהקדם ביאור דברי האור החיים הקדוש על פסוקי פרשת שקלים].

פלא על האור החיים הקדוש, שמביא מאמר עה"פ כי תשא שאינו לענין מחצית השקל

לכאורה, אַ חידוש דער **אור החיים הקדוש** (תשא ל, יג. בסופו) **שטעלט דאָ אַראָפּ אַ** מאמר, שטעלט ער אַראָפּ אַ מאמר דאָ אויף כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה' בִּפְקֹד אֹתָם, שטעלט אַראָפּ דער אור החיים הקדוש אַ חידוש גאָר, לכאורה וואָס ס'קער גאָרנישט צום ענין דאָ פון די חצאי שקלים.

האוה"ח הק' פי', שאם רואים ח"ו ראש בנ"י נסתלק קודם זמנו, זה מחמת שמכפר על עון הדור

טייטשט ער דעם פסוק, **כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, אַזוי ווי ס'איז געווען זמנים - זאָגט ער - ס'איז געווען צייטן וואָס מ'האָט אַוועק-גענומען מנהיגי ישראל באמצע ימיהם, קדושים וטהורים, מ'האָט אַזוי איבערגעלאָזט דאָס דור.

זאָגט ער דאָס איז וועגן דעם, אויף מכפר צו זיין אויפן עון הדור, דאָס האָט מכפר געווען עון הדור, דאָס איז געווען אין עון הדור איז דאָס געשען.

טייטשט ער מיט דעם **כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, אַז מ'וועט חלילה צו נעמען "ראש בני ישראל", מ'זאָל וויסן דאָס איז **לִפְקֻדֵיהֶם** [לשון חסרון כמו וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ] דאָס איז מחמת חסרון הדור, ווייל זיי האָבן געזינדיגט, איז דאָס [הסתלקות הצדיק] **מְכַפֵּר** אויפן די עון הדור.

איבערדעם ברויך צו זיין **וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה׳**, ברויך זיך יעדער פילן אַז מ׳איז [שולדיג] דערין, אַז מ׳האָט אַ חלק [לגרום זאת, וישים אל לבו] אַז מ׳זאָל פאַרדעם אַ טייל נעמען אין כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה׳, מ׳זאָל מתקן זיין, [כדי] **וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם**. ער זאָגט דאָרט באריכות, איז ער מרמז אַלץ אויף דעם. [עכ"ד האור החיים הק׳].

לכאורה, ווי קומט דאָס דאָ אַריין [כל הענין] אין די חצאי שקלים?

**לט**

יש לומר דכוונת האור החיים הקדוש הוא על פי מדרש שמבאר הלשון "נשיאות ראש" שכולל ב׳ פשטים: א. לשון התנשאות. ב. לשון גזר דין חלילה

נאָר אָבער קען זיין, דאָס איז דאָס ענין וואָס ס׳שטייט אין **מדרש רבה** פרשת במדבר (א, יא) [על הפסוק] **שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. גַּדֵּל אֶת רֹאשׁ, רוֹמֵם אֶת רֹאשׁ לא נאמר, אלא שְׂאוּ** [אֶת רֹאשׁ].

שְׂאוּ האָט צוויי פשטים:

א. ס׳האָט איין פשט, [שאם יזכו יעלו לגדולה]. [כמו] **יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת רֹאשֶׁךָ** [וַהֲשִׁיבְךָ עַל כַּנֶּךָ (וישב מ, יג), שנאמר שאצל ׳שר המשקים׳] - **ער וועט דיך אויפהייבן**. [וכן מצינו] **נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן** (במדבר ד, כב).

ב. און איין פשט איז. ווידעראום איז פאַרהאַנדן, [אם לא יזכו ימותו כולם] **אַזוי ווי ס׳שטייט** (וישב שם, יט) **יִשָּׂא פַרְעֹה** [אֶת רֹאשְׁךָ מֵעָלֶיךָ] **חלילה ביים ׳שר האופים׳**.

[דאצל שר המשקים כתיב] **יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת רֹאשֶׁךָ וַהֲשִׁיבְךָ עַל כַּנֶּךָ**, און ווייטער ביים שר האופים שטייט פאַרקערט, [כי] ווידער אַמאָל איז אויך פאַרהאַנדן חלילה **יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת רֹאשְׁךָ** [מֵעָלֶיךָ].

ס׳איז פאַרהאַנדן אַן **התרוממות**, און חלילה פאַרקערט, חלילה פאַרקערט **אַ גזר דין** חלילה ווערט אויך אָנגערופן נשיאת ראש.

אַזוי טייטשט דאָרטן, אַזוי זאָגט דאָרטן דער מדרש רבה.

**מ**

איבערדעם דאָס קען זיין איז דער אור החיים הקדוש דאָס מרמז, וואָרן דאָס איז צוויי בחינות.

לעולם איז טאַקע אמת, כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, דער בורא עולם האָט געהייסן, איז דאָס אַ נשיאות ראש [לטובה] פאַר אידן, מיט די חצאי שקלים וואָס מ׳ברענגט. די אַלע מצות איז פאַר אידן אַ נשיאות ראש.

נאָר וואָס׳זשע דען, דאָס איז מרומז ׳דאָס׳ אויכעט, מ׳ברויך צו וויסן ביידע.

אַזוי ווי מ׳זעט בעוונינו הרבים ס׳איז דורכגעגאַנגען די אַלע יאָרן און מ׳האָט געליינט די אַלע פרשיות, מ׳האָט געליינט שקלים, זכור, ס׳איז דורכגעגאַנגען די ימי השובבי"ם, בעוונינו הרבים וואָס ס׳איז געשען נעבעך בעון הדור, בעון הדור וואָס איז געשען, אַז מ׳איז געבליבן עָרוֹם וְיָחֵף, מ׳איז געבליבן עָרוֹם וְיָחֵף, אַלע גדולי ישראל הֵמָּה הָלְכוּ לִמְנוּחוֹת - ווי מ׳זאָגט מיר (בסוף סליחות לערב ר"ה) - וְאוֹתָנוּ עָזְבוּ לַאֲנָחוֹת, אונז האָט מען איבערגעלאָזט אַזוי, מ׳זאָל זיך דאָ פּלאָגן, מ׳זאָל דורכהאַקן און דורכברעכן אַזעלכע שווערע ביטערע נסיונות, מ׳זאָל דורכברעכן מ׳זאָל קאָנען בלייבן אַ שטיקל איד, אַז מ׳זאָל זיך קאָנען דערהאַלטן אפילו אַזוי, ווען מ׳איז געשלאָגן פון כָּל צַד.

KolSatmar.com

איבערדעם זענען דיביידע פשטים מרומז אין כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ.

מא

**ביאור קושיא ג**

משה רבינו נתיירא דוקא בפרשת שקלים, שראה הפשט של האור החיים הקדוש

איבערדעם, משה רבינו אַז ס'איז געקומען צו פרשת שקלים האָט ער זיך דערשראָקן, ער האָט געזען "דעם" פשט אויכעט, ווי דער אור החיים הקדוש זאָגט, כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ חלילה לִפְקֻדֵיהֶם, דאָס איז פאַר די חסרונות [הדור], ס'פעלט שוין. האָט ער זיך דערשראָקן שמא משאני מת אין אני נזכר, האָט ער זיך דערשראָקן חלילה אין אני נזכר. (המשך ביאור קושיא ג באות מג)

מב

**אַזוי ווי מ'מיינט חלילה אַז מ'האָט שוין פאַרגעסן אין אונז, מ'מיינט חלילה אַז די אַלע קדושים וואָס זענען בעולם העליון האָבן שוין חלילה פאַרגעסן גאָר.**

מ'געפינט זיך - תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד (תהלים קיט, קעו) - מ'געפינט זיך חלילה ווי אַן אוֹבֵד, מ'קאָן זיך נישט קיין עצה געבן, מ'קאָן זיך נישט רירן.

סיי **בפרטיות**, אַז אַ איד וויל עפּעס מתקן זיין מ'וויל פאַררעכטן, מ'וויל זיך אָפּהיטן די מחשבות, מיט די דיבורים, מיט די מעשים, האָט מען זיך נישט אין די הענט.

און הן **בכלליות**, וויאַזוי מ'זעט אויס, מ'דאַרף דאָך נישט אויסצורעכענען דאָס גרויסן שפלות, ממש מ'איז אוֹבֵד עֵצוֹת, ווי גרויס דער שפלות איז, מ'ווייסט גאָרנישט, חלילה מיט'ן דרך הטבע זעט מען גאָרנישט קיין האָפענונג, מ'זעט גאָרנישט וויאַזוי מ'קען אויפגערעכט ווערן.

וויאַזוי מ'קען געהאָלפן ווערן?

**נאָר מיט דעם בלויזן שטיקל אמונה! וואָס מ'גלייבט אין בורא כל עולמים!**

**אַז דער בורא כל עולמים האָט אַסאַך דרכים,** [און] **ער וועט אודאי העלפן אידן.**

מג

**המשך ביאור קושיא ג**

אמר לו הקב"ה: שיבא הזמן של "אתה עומד וזוקף את ראשן"

איבערדעם דאָס קען זיין איז דער פשט.

משה רבינו האָט געזען [פרשת שקלים ונתיירא שמא] משאני מת אין אני נזכר, הקב"ה האָט אים געוויזן אָבער דעם אַנדערן פשט [דכִּי תִשָּׂא הוא מלשון נשיאות ראש לטובה], הקב"ה האָט אים געוויזן ניין, אַתָּה עוֹמֵד וְזוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן, דאָס וועט אַמאָל [זיכער] זיין, **אַמאָל** [=סוף כל סוף] **וועט זיין דער פשט**, מ'וועט נאָך זוכה זיין אידן וועלן געהאָלפן ווערן, אַמאָל וועט זיין אַז מ'וועט ליינען שקלים און משה רבינו אתה עומד וזוקף את ראשן, וועלן אידן האָבן נשיאות ראש, מ'וועט געהאָלפן ווערן.

השי"ת זאָל העלפן:

אַז **דאָס יאָר** זאָל זיין אין "דער" בחינה, "דער" פשט זאָל זיין אמת, אתה עומד וזוקף את ראשן, נישט חלילה אַן אַנדערער פשט, טאַקע נאָר "דער" פשט זאָל זיין, "כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ", "אַתָּה עוֹמֵד וְזוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן", אַזוי ווי דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט פאַר משה רבינו.

KolSatmar.com

אַז מ׳האָפט צו דער גאולה שלימה, וועט טאַקע זיין משה רבינו וועט מיטקומען מיט׳ן מלך המשיח [ואליהו], אַלע אינאיינעם (דברים רבה סו״פ עקב).

מד

כ׳וועל נישט מאריך זיין [עוד בביאור יתר הקושיות]. כ׳וועל זאָגן נאָך אַ בחינה.

אין פסוק שטייט זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים, זאָגט די גמרא (ירושלמי שקלים פ״א ה״ד) שנתקשה משה במטבע, ער האָט נישט געוואוסט וויאַזוי איז דער מחצית השקל, האָט מען אים געוויזן כמין מטבע של אש, [ואמר לו] ״זֶה״ יִתְּנוּ, [כזה יתנו].

[קושיא ו]

צ״ב במה נתקשה משה, הלא כל איש יודע וּמֵבין החשבון

לכאורה דאַרף מען דאָך פאַרשטיין, וואָס ער איז דאָ נתקשה געוואָרן.

יעדערער - מ׳רעכנט דאָך אויס, יעדן לערנט מען, - יעדער איש פשוט מאַכט דעם חשבון וויפיל אַ שקל איז, איבערהויפט בימיהם זענען געווען די שקלים מְצוּיִים, מ׳האָט דאָך געזען מ׳האָט דאָך געוואוסט, - עֶשְׂרִים גֵּרָה - וויפיל אַ גֵּרָה איז, וויפיל אַ שקל איז, אַלע מפרשים זענען דאָך [מפרט החשבון] ס׳שטייט חשבונות מדוקדקים אויף דעם.

וואָס האָט ער דאָ נישט געוואוסט משה רבינו?

מה

[קושיא ז]

למה היו צריכים להראות מטבע של ״אש״, הלא יכלו להראות מטבע מעוה״ז, כמו שהראו לו השרצים

און דערנאָך [איז שווער], אַז מ׳האָט אים געוואָלט ווייזן [די להראותו שקלים ממש].

[והראיה] ס׳שטייט ביי שרצים[טו], - דאָרט איז דאָך טאַקע שווער [להיות בקי בשרצים], וואָרן אונז זעמיר דאָך טאַקע ניטאַמאָל בקי, נאָר דורך מְסוֹרוֹת, - האָט הקב״ה תָּפַס מִכָּל מִין וּמִין האָט מען אים געוויזן שרצים פון דעם עולם, מ׳האָט אים געוויזן יעדן שרץ וועלכעס איז טהור און וועלכעס איז טמא, וזֹאת הַחַיָּה (ויקרא יא, ב).

דאָרט איז נישט געווען קיין חיות של אש, שרצים איז ניטאַמאָל דאָ פאַרהאַן [של אש], אין אַזאַ מקום קדוש [בַּשָּׁמַיִם] איז ניטאַמאָל נישטאָ קיין שרצים, ס׳איז נישטאָ קיין טמאים דאָרט, און די שרצים איז תפס הקב״ה מכל מין ומין, מ׳האָט אים געוויזן פון ׳דעם׳ עולם.

[ואם כן קשה] ממילא האָט מען דאָך געקענט ׳דאָ׳ ווייזן אַ מטבע, מ׳האָט דאָך געהאַט, ס׳איז דאָך געווען מטבעות מצויים, וואָס האָט מען געדאַרפט ווייזן אַ מטבע של אש, ס׳איז דאָך שווער צו פאַרשטיין.

אַז מ׳זעט די מטבע אַליין פאַרשטייט מען דאָך, וואָס האָט מען דאָ געוויזן [כמין מטבע של אש].

---

[טו] בגמרא (חולין מב.), תנא דבי רבי ישמעאל, זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, מלמד, שתפס הקב״ה מכל מין ומין והראה לו למשה ואמר לו, זאת אכול וזאת לא תיכול.

וכן הוא בתנחומא (שמיני סימן ח): שלשה דברים נתקשו למשה והראם לו הקב״ה באצבע, ואלו הן מעשה המנורה והירח והשקצים וכו׳. השרצים מנין, שנאמר (שמיני יא, כט) וְזֶה לָכֶם הַטָּמֵא בַּשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל הָאָרֶץ, תפש הקב״ה כל מין ומין והראה לו למשה ואמר לו זה אכול וזה לא תאכל, שנאמר זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ וגו׳ וְזֶה אֲשֶׁר לֹא תֹאכְלוּ.

### מו
**הקדמה לביאור קושיא ו - ז**

נאָר וואָס׳זשע דען, טאַקע ווי כ׳האָב פריער געזאָגט. אַז די שקלים זענען אויף בטחון, מ׳רופט אויס שקלים, [הכוונה על כי] **מ׳איז נאָך אין דער האָפענונג.**

ס׳איז נאָך מעגליך אַז מ׳זאָלמיר נאָך היי יאָר ברענגען די שקלים, מ׳וועל מיר זוכה זיין. אַלעס איז מעגליך ביי הקב״ה.

ס׳וועט דאָך נאָך זיין [אַמאָל], מ׳ווייסט נישט די רגע דעם טאָג, ס׳איז נאָך מעגליך [להביא שקלים בשנה זו].

### מז
לכאורה איך אפשר להביא עוד שקלים בשנה זו, והלא מצינו שבנין בית המקדש אָרְכָה כמה שנים?

לכאורה איז דאָך אַ קשיא, וויאַזוי איז מעגליך היי יאָר. וויאַזוי וועט מען אויפבויען אַ בית המקדש, ס׳שטייט דאָך (מלכים א׳ ו, לח. ועזרא ו) דעם חשבון ווי ס׳האָט געדויערט אַזויפיל יאָרן ביז מ׳האָט אויפגעשטעלט דאָס בית המקדש, אַזאַ בנין.

### מח
בנין השלישי יֵרֵד בנוי ומשוכלל מלמעלה

נאָר וואָס דען, די קשיא איז נישט קיין קשיא. תוספות ברענגט (סוכה מא. ד״ה אי נמי) דאָס וועט אַראָפּקומען בנוי ומשוכלל מלמעלה.

בית המקדש השלישי יִבָּנֶה בכח האש שלמעלה, ועל ידי כן יִבָּנֶה בזמן קצר

מ׳זאָגט מיר אַזוי (בתפלת נַחֵם) כִּי בָאֵשׁ הִצַּתָּהּ וּבָאֵשׁ אַתָּה עָתִיד לִבְנוֹתָהּ, מ׳וועט דאָס אויפבויען פון אש[טו], מיט אַ כח האש שלמעלה, דער אש שלמעלה איז אינו שורף[יז], מיט אַ כח האש וועט מען אויפבויען דאָס בית המקדש [בזמן קצר], קאָן עס זיין בכל רגע ורגע, איבערדעם קאָן מען נאָך ברענגען שקלים [בשנה זו].

### מט
**ביאור קושיא ו - ז**

משה נתקשה איך אפשר לבנות הבית המקדש עוד בשנה זו, ולכן הראו לו כח האש דלמעלה

איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים געוויזן, משה רבינו איז געווען נתקשה געוואָרן, ס׳קומט ערב ראש חודש, מ׳דערזעט זיך אין ערב ראש חודש אדר, און מ׳שמועסט פון שקלים, און מ׳האָפט נאָך מ׳וועט נאָך ברענגען היי יאָר שקלים, מ׳וועט מקריב זיין קרבנות.

**וואו וועט זיין אַ בית המקדש אַזוי שנעל, ס׳זאָל נאָך זיין אויף היי יאָר?**

האָט מען אים געוויזן, אַז אויבן איז אַלעס דאָ אַ כח האש, אפילו די ״מטבע״ האָט מען אים געוויזן אַ מטבע של אש, ממילא אַז די ׳מטבע׳ איז של אש, על אחת כמה וכמה דאָס ״בית המקדש״, וואָס ס׳איז געווען בָאֵשׁ הִצַּתָּהּ, קען אודאי זיין בָאֵשׁ אַתָּה עָתִיד לִבְנוֹתָהּ.

---

[טו] **בגמרא** (בבא קמא ס:) **כִּי תֵצֵא אֵשׁ וּמָצְאָה קֹצִים** (משפטים כב, ה), **תֵּצֵא מעצמה** [פירש״י: אנחנו גרמנו לו שְׁקִלְקַלְנוּ והבטיח הקב״ה לְשַׁלֵּם כאילו הוא הִבְעִירָהּ]. **שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם הַמַּבְעִר אֶת הַבְּעֵרָה, אמר הקב״ה עָלַי לְשַׁלֵּם את הַבְּעֵרָה** שֶׁהִבְעַרְתִּי, אני הציתי אש בציון, שנאמר (איכה ד, יא) וַיַּצֶּת אֵשׁ בְּצִיּוֹן וַתֹּאכַל יְסֹדֹתֶיהָ, ואני עתיד לבנותה באש, שנאמר (זכרי׳ ב, ט) וַאֲנִי אֶהְיֶה לָּהּ חוֹמַת אֵשׁ סָבִיב וּלְכָבוֹד אֶהְיֶה בְתוֹכָהּ.

[יז] פירוש ששורפת ואינה אוכלת. וכמבואר **במדרש** (תנחומא פרשת שמות סימן טו, ושמו״ר ב ה) על הפסוק וְהַסְּנֶה אֵינֶנּוּ אֻכָּל (שמות ג, ב) והובא בתוספת (חגיגה כז.). **ועיין במדרש** (שהש״ר ח, ו), רְשָׁפֶיהָ רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶתְ-יָ-ה, רבי ברכיה אמר כאש של מעלה, לא האש מכבה למים ולא המים מכבין לאש.

KolSatmar.com

נ

מטבעות פשוטות שנותנים לדבר מצוה בעולם הזה, הם למעלה בשמים ״מטבע של אש״

איבערדעם האָט מען אים געוויזן ס׳איז גאָרנישט שווער, האָט מען אים געוויזן ס׳איז גאָרנישט שווער וואָרן אויבן איז אַלעס של אש.

**אַז מ׳גיט דאָ אַ מטבע אויף דעם עולם, אויף יענעם עולם איז עס אַ מטבע של אש.**

ווייסט מען גאָרנישט וואָס מ׳טוט.

יעדער דבר מצוה, יעדע תנועה וואָס אַ איד טוט אויף דעם עולם, אַז מ׳טוט פאַר׳ן בורא כל עולמים׳ס וועגן, מ׳טוט עס דאָ בגשמיות, דאָס האָט התעוררות אויבן.

די מטבע וואָס מ׳גיט דאָ אויף אַ דבר מצוה, - אַזוי ביי יעדע דבר מצוה איז אַזוי, - די מטבע וואָס מ׳גיט דאָ האָט אַ גרויסן כח, אויבן איז עס אַ מטבע של אש.

האָט מען געוויזן משה רבינו׳ן, דו מיינסט דאָס איז אַזוי פשוט די מטבעות וואָס אידן גיבן, האָט מען אים געוויזן [ווי] פון דעם ווערט אַ מטבע של אש, האָט מען אים דאָס געוויזן, דאָס איז נישט אַזוי פשוט דאָס וואָס אידן גיבן, איבערדעם איז דאָס נישט קיין שווערע זאַך.

מיט די פשוט׳ע מטבעות איז שווער מ׳זאָל עפּעס אויפטוהן, נאָר וואָס דען, מ׳דאַרף אָבער וויסן אַז פון די [פשוט׳ע] מטבעות ווערט אויבן אַ מטבע של אש, מיט דעם קאָן זיך שוין אַסאַך טאָן, ס׳קאָן זיך טאָן אַזוינס וואָס מ׳קען זיך גאָרנישט אויסמאָלן.

איבערדעם האָט מען אים געוויזן אַ מטבע ״של אש״, [אים צו ווייזן אַז] אַזוי וועט זיין [אויך] דאָס בית המקדש, ״בָאֵשׁ״ אַתָּה עָתִיד לִבְנוֹתָהּ, מיט אַ ״כח האש״ וועט מען אויפבויען דאָס בית המקדש.

נא

## סיום התורה

השי״ת זאָל העלפן:

אַז אונז זאָל מיר נאָך זיין פון די, מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו זען צִיּוֹן בְּבִנְיָנָהּ, שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, אַזוי ווי מ׳האָמיר צוגעזעהן די חורבנות זאָל מיר נאָך זוכה זיין צו זען אין דעם בנין האמיתי.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין שמחים בבנין שלם.

ס׳זאָל זיין משנכנס אדר מרבין בשמחה.

ס׳קומען די ימי הגאולה וישועה, דער חודש הגאולה אדר, מיט ניסן, זאָל מיר זוכה זיין זיך מְשַׂמֵּחַ צו זיין בהקב״ה ובתורתו הקדושה.

ס׳זאָל זיין יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו בְּנֵי צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם (תהלים קמט, ב), מ׳זאָל זיך פרייען - מ׳זאָל זוכה זיין - מיט הקב״ה און מיט די תורה הקדושה.

ביי השי״ת זאָל זיין שמחה למעלה מיט אידן, יִשְׂרָאֵל עמך אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר (ישעי׳ מט, ג), מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו די ישועה און צו די גאולה שלימה, בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com